דער רמב"ם פרעגט נישט פאררוואס מ'גייט אויף ארץ ישראל, דער רמב"ם פרעגט פאררוואס מ'גייט אויף די ראנג צייט. דאס הייסט, ווען דו זאגסט כרכים המוקפים בימי אחשורוש, אזוי ווי שושן, מאכט סענס, ווייל די שטעט זענען געווען דעמאלטס. אבער ס'פאסט אונז נישט דאס צו טון. פאררוואס פאסט אונז נישט דאס צו טון? ווייל ס'האט אויסגעקומען א גרויסע בושה פאר ארץ ישראל.

ווי יעדער איינער ווייסט, וואס איז די אידישע שטאט? ירושלים, ארץ ישראל, איך ווייס, יהושע בן נון וואס האט איינגענומען. דאס איז די גרויסע זאך. אנפארטשענעטלי, בזמן אחשורוש איז ארץ ישראל געווען חרוב, ס'איז גראדע נישט געווען קיין חומה. אויב מ'וועט מאכן די חומה פון ימות אחשורוש, וועט אויסקומען ארץ ישראל איז נישט קיין כרך, און ס'איז בושות ארץ ישראל נישט זיין קיין כרך.

ממילא האט מען געזאגט פארקערט, ארץ ישראל איז א כרך. און ממילא, אלע שטעט אויך וואס זענען דעמאלטס אין א כרך. אבער מ'איז נישט תולה געווען ווען ארץ ישראל האט זיך אנגעהויבן, ווען כיבוש ארץ ישראל, בימי יהושע. ויהי חשוב כאילו ערים המוקפות. סאו מ'רעכנט זיך כאילו ערים המוקפות. איי, ס'איז חרוב? פורים זאגן אז ס'איז בנוי, ס'איז יהושע בן נון איז דא. **אף על פי שאינן עתה חרבים**, אפילו יעצט, די צייט ווען די שאלה איז אויף א שטאט אין ארץ ישראל, **הרי הן מוקפות מימות יהושע, ויהיה זכרון לארץ ישראל בנס זה.**

**חידוש: פורים אלס קאמפעטישן צו ארץ ישראל**

ממילא, וועגן דעם האב איך געטראכט אז ס'מיינט אביסל מער, אז די גאנצע זאך פון נס פורים איז עפעס א שטיקל קאמפעטישן צו ארץ ישראל. אידן האבן דעמאלטס נישט געוואוינט אין ארץ ישראל. מ'מאכט יעצט א נס פאר עפעס וואס איז געשען נישט וואו אידן באלאנגען. רוב נסים האבן צייט צו טון מיט די אידן. אידן באזעצן זיך אין עפעס אן אנדער לאנד, און זיי האבן נאך א דעה, מען מאכט נאך יום טובים אויף דעם, זיי זענען נישט מפייס ארץ ישראל מיט'ן אריינברענגען ארץ ישראל אין די מעשה.

**חידוש: תענית אסתר אלס זכרון לחורבן**

אזוי ווי איך האב געטראכט אפשר א נייע פשט, אפשר דאס איז א גזירה שבט, די זכרון הצרות וואס מ'האט געלערנט אין די פריערדיגע פרק אין סוף הלכות תענית, אז דער רמב"ן זאגט אז מ'זאל געדענקען די חורבן בית המקדש, חורבן ירושלים. וויבאלד מ'דארף תשובה טון.

אפשר מיינט דער רמב"ם צו זאגן אז הגם מ'איז זייער פריילך אז דער אייבערשטער האט געראטעוועט די אידן, דארף מען געדענקען אז ירושלים איז חרוב, און מ'זאל מתפלל זיין אפשר וועגן דעם איז דא תענית אסתר.

יעצט כאפ איך א נייע פשט אויף תענית אסתר, ווייל דער רמב"ם האט געזאגט אז אלע תניתים זענען לזכר ירושלים, און תענית אסתר איז א מנהג. וואס איז די שייכות? אפשר די פשט איז, אויב מ'מאכט א יום טוב, עפעס א הצלה פון די גלות, דארף מען געדענקען אז ס'איז נישט גענוג, ס'איז דאך דאך ישראל אריין. אונז ווילן בעצם זיין ארץ ישראל וואס איז חרוב, כדי צו מאכן א זכר, צו מאכן א פרייליכע זכר כאילו, מ'זאל געדענקען די משגחה ירושלים תשכחו ימינו ים, מ'זאל מאכן א זכר פאר ירושלים.

וויאזוי מאכט מען א זכר פאר ירושלים? פורים. דורכדעם וואס מ'מאכט די דין פון מקבת חומה ומותו שנייה, און דורכדעם וועלן יודן געדענקען אז פורים איז נישט קיין שלימות, און מ'דארף נאך אנקומען צו די מקבת חומה. אבער האט מען געמאכט לפניה לאחריה, אזוי ווי תקיעות וואס איך ווייס נישט.

## :Speaker_2

אה, דו זאגסט תענית אסתר? יא, לויט מיין טהרה. איך ווייס נישט. אקעי, זאג דער רמב"ם ווייטער. אקעי.

**הלכה ו: בני כפרים — הקדמת קריאה ליום הכניסה**

## :Speaker_1

איז דאס איז איין זמנים? דאס איז צוויי זמנים. דאס איז צוויי זמנים. און דאס איז צוויי זמנים. ס'איז נאך דא נאך זמנים. מ'זאגט אז זמנים האבן זמנים הרבה. דאס איז נאך.

זאגט ער אזוי, ס'איז דא א דין. ס'איז דא אז די אלע דינים זענען אין די געגנטער, דינים אין געגנטער, בני קברים. מענטשן וואס וואוינען אין דערפלעך. יא, קבר. וואס איז לשון קבר? דערפלעך.

**שאינו מתקבצין בתי כנסיות אלא בשני וחמישי.** מענטשן וואס וואוינען אין דערפלעך, זיי זענען ביזי דארטן אויף זייערע פעלדער, זיי קומען נישט אין בית המדרש נאר בשני וחמישי, וואס דעמאלטס קומט מען ווייל מ'ליינט קריאת התורה, ווייל דעמאלטס זיצט דער בית דין. ס'איז דא פארשידענע הלכות וואס געשעעט שני וחמישי, דעמאלטס מאכט מען מתענותים אויב האט נישט גערעגנט.

**תקנו להם,** האבן די חכמים מתקן געווען, אנשטאט דעם אז די בני הכפר זאלן בלייבן אין זייער קליין דערפל און ליינען אויף ווען ס'געפאלט פורים, זאלן זיי קומען מקדים זיין און זיי זאלן ליינען די מגילה **ביום הכניסה,** אין די טאג ווען זיי קומען אריין אין די שטעט. דאס הייסט, דער עולם איז מקדים די קריאה.

**דיון: וואו ליינען די בני כפרים?**

ס'מיינט לכאורה נישט אז זיי זענען בכלל נישט אין בית הכנסת. זיי קומען אריין אין שטאט, און דארט איז דא א שול בשני ובחמישי. ווי ליינען זיי? נישט אין די כפר, זיי ליינען אין די שטאט. אינטערעסאנט. אין די שטאט איז דא א פורים פון בני כפרים א וואך פאר פורים.

איך מיין אז טייטש מיט'ן ווארט כפר איז נישט א קליינע שטעטל. טייטש מיט'ן ווארט כפר איז אז ס'איז דא א שטאט, און ארום איז דא אזוי ווי פארמס. מענטשן וואוינען אין פארמס, דאס זענען די מגרשי הערים, שדות. מענטשן וואוינען צוויי, דריי אידן דא, צוויי, דריי אידן דארט.

ס'איז אבער זיכער אז די חניוק'ישע אידן וואס וואוינען אין די שטאט גייען מיטהאלטן די יום טוב פון די בני הכפר. זיי ליינען פאר זיי, אדער איך ווייס נישט ווער ליינט.

און אויב איז דא א כפר וואס איז געווען מוקף חומה מימות יהושע, קומט מען צו די גרויסע שטאט נאכדעם? ניין, ס'איז נישט דא אזא זאך ווי א כפר מוקף חומה. א כפר איז נישט קיין מקום מוקף חומה. א כפר איז א שטעטל, א שדות. א כפר מיינט א עיר הפרזי, און די טבע פון די בני כפרים איז אז זיי ברענגען א גאנצע צייט, די שני וחמישי בעיקר, מארקעט טעג, זיי ברענגען אריין צו די שטאט צו עסן וואס זיי האבן געוואקסן אין זייער פארם. דאס איז בסדר.

אינטערעסאנט, ס'איז דא א ווארט וואס הייסט ספר. ספר מיינט ביי די עק פון די שטאט, די ערי הספר. אפשר מיינט ער יעצט נאר אין א לאנד, און ביי די גבול פון די לאנד. נישט נאר וואס א כפר איז. ניין, כפר מיינט עפעס א... אבער כפר מיינט מען סתם די שדות.

געדענקסטו, די נחלות האט מען אזוי צוטיילט. מ'האט געגעבן שטעט, און נאכדעם האט מען געגעבן אינדרויסן די מגרש הערים, וואס דארטן זאל מען מאכן שדות, זאל מען מאכן כרמליסן. אויך דארטן האבן מיר נישט געזען אזוי ווי ס'איז דא א שטאט, און לעבן דעם איז דא א כרמליס, דאס זענען די כפרים וואו ס'איז ביזי מיט שדות.

איך זאג נאר, זיי קומען כסדר, ס'איז נישט אז מ'דארף זיך שלעפן אין שטאט פאר דעם. א דזשאב פון א כפר'ניק איז אז ער קומט כסדר אין שטאט. ער קויפט און פארקויפט. ס'איז דא א בית הכנסת, אבער ס'איז דא א בית הכנסת של השטאט. א כפר באלאנגט פאר א שטאט. א כפר איז... איך מיין, זיי קענען זיך נישט פארקויפן טאמעיטאס איינער פאר'ן צווייטן, ווייל יעדער מאכט אליין טאמעיטאס. זיי קומען אין די שטאט און זיי פארקויפן דארטן, אלע פארקויפן זייערע טאמעיטאס.

שוין, די רמב"ם ווייטער.

**הלכה ז: חשבון הימים — ווען מקדימין די בני כפרים**

איז ממילא זענען זיי **מקדימין וקורין ביום הכניסה.** איך גיי דארפן סטאפן ביי דעם. סאו, די חכמים האבן זיי א טובה געטון, זיי זאלן זיך נישט דארפן שלעפן אין שטאט אינמיטן דינסטאג פורים, קענען זיי קומען מאנטאג.

יא, דער רמב"ם מאכט א חשבון, **אם חל יום ארבעה עשר בשני או בחמישי...** נישט קיין פראבלעם, **קורין בו ביום.** קורין בו ביום ליינט מען יא אין יענעם טאג. לכתחילה איז דאך זיכער, ס'מאכט נישט אויס, ס'איז נישט קיין אנדערע צייט. **ונחלו את ביום אחר חוץ בשני וחמישי, איז מקדימין וקורין בשני או בחמישי הסמוך לו ביותר.** דאס איז די טאג וואס דערמאנט זיך צו הערן לו ביותר.

דער רמב"ם גייט געבן די פרטים. **כיצד?** וויאזוי קומט אויס? איך זע אז דער רמב"ם האט דא געטון אזא זאך, אזוי מיין איך. איך זע דער ראב"ד איז אפילו אביסל ברוגז, איך האב נישט געכאפט פונקטליך וואס זיין טענה איז. אבער, יא, זעסטו דא דער ראב"ד? ער האט דא א ראב"ד. אה, שפעטער, סארי, נישט דא.

דער ראב"ד איז מחולק אויף שבת. די משנה איז געשטאנען אז... די משנה האט געזאגט א כלל. אה, די משנה גייט אויך אזוי. די משנה זאגט, סארי, די משנה גיבט די כלל, נאכדעם גיבט די משנה אלע דוגמאות. אינטערעסאנט פארוואס מ'דארף אויסרעכענען אלע, און דער רמב"ם רעכנט דאס אלעס אויס ווי די משנה.

אויב ס'איז **חל להיות באחד בשבת,** גייט מען פארדעם, ווייל מ'קען שוין פון אחת עשרה קען מען שוין ליינען. סאו אויב ס'איז חל להיות באחד בשבת, קען מען גיין שוין ביז א דאנערשטאג פארדעם, **שיום אחד עשר.** ס'איז דא אן הקדמה פון י"א, וויבאלד די וויטסטע וואס מ'קען זיין פון א יום הקריאה איז זונטאג. יום הקריאה קומט אויס פיר טעג פאר... אנשטאט צו מאכן א טאג שפעטער, מ'מאכט נישט שפעטער, אנשטאט צו מאכן מאנטאג און לאכן, נאכדעם מאכט מען די פאר טעג פאר דעם דאנערשטאג. אזוי קומט אויס י"א.

**חל להיות ברביעי קורין בשני שלפניו שיום שלשה עשר. חל להיות ברביעי קורין בשני שיום שנים עשר.** ער האט געזאגט, מ'איז אלעס מקדים. ווי קומט מען צו י"א?

**הלכה ז: דין עשרה בקריאה מוקדמת**

זאגט דער רמב"ם, **וכל אלו שמקדימין וקורין קודם ארבעה עשר, אין קורין אותו בפחות מעשרה.**

די הלכה אז מ'מאכט אן עקסטערע צייט פאר די בני כפרים, איז ווען צען מענטשן און העכער. צען מענטשן געבט מען אן עקסטערע הלכה אז זיי באקומען א יום טוב מוקדם, אז זיי באקומען א קריאת מגילה מוקדם.

**דיון: וואס מיינט "אין קורין בפחות מעשרה"?**

וואס ס'מיינט צו זאגן איז אז מ'דארף עס ליינען מיט א מנין. נישט דאס שטייט דא, נישט דאס איז די טייטש. ניין, נישט שפעטער. ניין, ניין, ניין, ס'איז אן אנדערע זאך. ס'איז אן אנדערע זאך.

האב איך געזאגט, ס'איז געווען מפרשים וואס מ'האט דארט געוואלט אריינקוועטשן דא. אבער דאס וואס שטייט דא איז א הלכה, אז אויב מ'ליינט, ס'שטייט נישט קלאר אויף... אויב פורים אליין דארף מען נישט קיין מנין, נאר אויב דו קדמת דארף מען א מנין, פארוואס? ווייל דו פארשטייסט אליין, ס'איז דאך פורים, איז עס פורים. אבער דו מאכסט דאך אן עקסטערע פורים, העלא, מ'קען נישט אליין פאר א איד מאכן. ס'מוז זיין "אין קורין אלא בפחות מעשרה". מ'מוז ליינען די מגילה מיט צען מענטשן צוזאמען, דעמאלטס ווערט עס א קריאת מגילה. דאס איז א הלכה וואס שטייט אין די גמרא.

ס'איז דא א שיטה אין די גמרא וואס זאגט אז אפילו פורים דארף מען א מנין, אבער דער רמב"ן פסק'נט עס נישט. דער רמב"ן זאגט אז דוקא אויב ס'איז פריער, דעמאלטס דארף מען א מנין.

## Speaker_2:

איך בין צעמישט. נאכאמאל, די בני כפרים, די סיבה פארוואס זיי קומען צו די שטאט לבית הכנסת, איך ווייס מ'טוט מארק, אבער ס'איז נישטא קיין בית המדרש אין די כפר, רייט? פארדעם גייט מען צו קריאת התורה אין שטאט.

## Speaker_1:

ווייל מ'גייט מיטהאלטן מיט די צען מענטשן אין שטאט. ער האלט דאך נישט יעצט מיט, ער קומט מאכן זיין אייגענעם הייט, ווייל די מענטשן אין שטאט גייען דאך מאכן פורים בזמנו. מ'דארף ברענגען צען. אפשר קען ער נעמען צען מענטשן פון דארט? איך ווייס נישט, ער זאגט נישט.

**מחלוקת רמב"ם וראב"ד: צי דארף מען עשרה בזמנה?**

אויף דעם זאגט דער ראב"ד אז די מצוה אז מ'זאל טון בעשרה איז לאו דוקא בני כפרים, נאר יעדער איינער זאל טון בעשרה.

דאס זאג איך, ס'איז א מחלוקת אין די גמרא. ווען ס'איז שלא בזמנה איז יעדער איינער מודה אז ס'דארף זיין בעשרה. רב אסי האט גע'טענה'ט אז אפילו בזמנה דארף זיין עשרה. און ס'שטייט אין די גמרא אז רב האט חושש געווען אפילו פון רב אסי, אפילו ער האט געגעבן א חילוק, האט ער חושש געווען. האט רב פארשטאנען אז מ'דארף... ס'איז א מצוה, ס'איז נישט מעכב, אבער ס'איז א מצוה.

פרסומי ניסא מיינט נישט דוקא אז מ'זאל זיין צען מענטשן צוזאמען ליינען, נאר אז ס'איז א יום טוב אין שטאט, אז יעדער איינער האלט מיט אז ס'איז א יום טוב. און דער רמב"ם האט נישט גע'פסק'נט בכלל יעצט. דער רמב"ם האט פריער געזאגט אז אלעס איז נדחה וועגן קריאת המגילה, ס'טייטש תלמוד תורה. די גמרא זאגט די סיבה וועגן פרסומי ניסא. סאו זעט אויס אז דער רמב"ם האלט אז פרסומי ניסא מוז נישט דוקא זיין מיט צען מענטשן. ניין, למשל ביי חנוכה איז דא פרסומי ניסא אז די מענטשן אין די גאנצע

**הלכה ז (המשך) — כפר שאין בו עשרה בטלנין**

**פרסומי ניסא לעומת תקנת זמן קבוע**

פרסומי ניסא מיינט דאס אז מענטשן ליינען די מגילה ברענגט אריין א אווירה פון פורים, פון פרסום הנס, נישט דווקא מנין. אבער די תקנה אז מ'זאל מאכן א ספעציעל טאג, אויף דעם האט מען געמאכט נאר באופן אז ווען צען מענטשן זאגן, דעמאלטס איז מעכב. דאס הייסט, וויניגער פון דעם איז מען נישט יורד. עס קען זיין אזוי ווי אז פורים איז עניוועי געגוג עקסייטינג, ממילא אפילו וויניגער ווי צען איז דא א מצב פון פורים. דאס איז דער פשוט'ער טעם פון דעם חילוק.

**פשט אין "כפר שאין בו עשרה בטלנין"**

ווייטער זאגט דער רמב"ם, **"כפר שאין בו עשרה בטלנין, ואין בני הכפרים נכנסין לעיר בשני ובחמישי"**. די אלע הלכות איז א שטעטל וואס מ'גייט אריין אין שטאט בשני ובחמישי. ממילא מאכט מען עס גרינגער. ס'איז נישט פשט אז ס'איז א דין סתם אין כפרים, נאר ס'איז א דין אין כפרים כדי אז מ'זאל מאכן גרינגער.

איך מיין די ווארט איז אזוי: אין יעדע קליינע כפר עקסטער איז נישטא קיין צען געווענליך. א כפר איז א איד אליין וואוינט אויף א פעלד. אבער בני הכפרים קומען זיך צוזאמען אין שטאט. אלע וואס וואוינען אין פארווארפענע כפרים זענען זיך מתקבץ. אויב מ'קומט נישט, איז דאך נישט קיין חילוק, דעמאלטס וועט ער עניוועיס קומען פורים. סאו אז ער קומט פורים, וועט ער שוין אריינקומען אין די י"ד.

יעצט, וואס איז אפשר א טריט פאר די וואס איז וואוויל און האלטן אריינקומען הערן קריאת התורה, האט מען געמאכט אז פורים רעכנט מען זיך שטארק מיט זיי. ער וועט נישט קומען צו הערן קריאת התורה, ער קען קומען אויף פאר ביזנעס מיינער. ניין, אבער ס'איז געשטאנען קלאר, ער קומט זיך צוזאמען ביי א בית הכנסת. ער קומט, קומט ער שוין.

**הלכה ח — עיר שאין בה עשרה בטלנים: דער גדר פון "עיר" לעומת "כפר"**

**וואס איז דער שיעור פון אן "עיר"?**

זאגט דער רמב"ם, **"ואם אין בעיר עשרה בני אדם?"** אויב די אלע כפרים קומען צו די שטאט צו פארקויפן זייערע זאכן, אבער אין די שטאט איז נישט דא קיין... אה, אין די שטאט איז די שיעור. וואס ער זאגט איז אזוי: יעצט דארף מען וויסן וואס איז די שיעור. ס'הייסט, מ'זאגט אז ס'איז דא א כפר און א עיר. א כרך איז פארשטייט יעדער, ס'איז דא א חומה. אבער א עיר און א כפר קען זיין בעצם די זעלבע זאך. ביידע זענען א שטעטל. ווען מ'זאגט כפר איז א קאנטרי, אבער טעקניקלי, ס'קען זיין די זעלבע זאך. מ'דארף וויסן עפעס א זאך וואס מאכט פאר א עיר און צו א כפר.

ס'הייסט, פריער האט מען געזאגט אז א עיר האט א בית הכנסת. אקעי, אבער דא זעט מען אז ס'איז נישט גענוג צו לאנגן. א בית הכנסת, אבער ס'דארף זיין א קביעות'דיגע בית הכנסת. א קביעות איז ווי מענטשן לערנען אייביג. נישט ווי מען לערנט אייביג, נישט ווי מען לערנט, ווי מען האט א מנין אייביג. עשרה בטלנים וואס זענען גרייט. וואס מיינט צו זאגן? וואס זענען אייביג אין בית המדרש, וואס זענען אייביג דארטן ווען מען דארף עפעס א זאך בשביל קדושה. א איד וויל זאגן קדיש, האט ער צען בטלנים וואס דרייען זיך ארום אין בית המדרש.

**די גמרא'ס דין: עיר שאין בה עשרה בטלנים**

זאגט די גמרא, **עיר שאין בה עשרה בטלנים קבועין בבית הכנסת לצרכי ציבור** — לצרכי ציבור מיינט צו זאגן קדיש און קדושה, און אזוי ווייטער — **הרי היא ככפר. ומקדימין וקורין בימי קריאתה**, קענען זיי ליינען פריער, זיי גייען אין א פלאץ וואו ס'איז דא א מנין וכדומה.

**וואס איז "בטלנים"?**

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל מיר זעען דא אז געווענליך בטלנים זענען דאך פארקערט פון קבועים. א בטלן איז איינער וואס איז נישט קבוע. ניין, בטלן מיינט נישט דאס. בטלן מיינט בטלן ממלאכתו. אקעי, ס'האט אפגעהארגעט מיין דזשאוק. איך האב געוואלט זאגן מיין דזשאוק. אקעי. ניין, איך האב געזען אז ער ברענגט א גאנצע תורה פון רבי'ן.

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. יא, בטלנים מיינט בטלים ממלאכתם, און זיי זענען קבועים אין בית הכנסת. דאס איז זייער דזשאב, זיי טוען די צרכי ציבור.

**פארוואס דארף מען בטלנים?**

איך טראכט אז די פשוט'ע פשט איז זייער פשוט, אז מ'האט יעצט געזאגט אז א עיר איז אזא פלאץ וואו ס'איז דא א בית הכנסת. יעצט דארפסטו געדענקען, רוב מענטשן וואס ארבעטן קענען נישט קומען אין בית הכנסת א גאנצע וואך. דאס איז דאך די טייטש, מ'האט געזאגט אז קריאת שמע שטייט אויף די דעכער און ער ליינט קריאת שמע וכדומה. ער ליינט קריאת שמע, אבער ער קומט נישט אין שול.

כדי צו מאכן א שול, וויאזוי קענסטו מאכן א שול? ס'דארף זיין צען אידן, און מ'צאלט זיי לכאורה פאר דעם, אדער אפשר זענען זיי אלט, וואטעווער ס'איז, ער צאלט זיי פאר דעם, אדער זיי האבן שוין גענוג געלט אנדערש, וואטעווער. זיי דארפן נישט ארבעטן, ער קען דריי מאל א טאג זיין אין שול. דאס איז די טייטש פון א בטלן.

**ראיה פון ירושלמי — רבי יהודה**

ער ברענגט א ירושלמי, **אמר רבי יהודה, כגון אנו שאין אנו צריכין לתלמידינו**, הייסט דאך פון די עשרה בטלנים. און דער רמב"ם האט אין זיין פירוש המשניות מסביר געווען, אז וואס הייסט "אין אנו צריכין לתלמידינו"? אז איינער וואס האט געדולד טעם דארף גאר גאר זיין "שאין אנו צריכין לתלמידינו", ווייל ער זיצט און לערנט.

זאגט דער רמב"ם, ניין, ווען מ'זיצט און לערנט, ווען מ'דארף נאך לערנען, קען מען נישט א גאנצע צייט גיין אין שול. ער איז דאך ביזי. ווען רב יהודה האט שוין געקענט די גאנצע תורה, ער האט נאר געדארפט חזר'ן, אבער ער האט שוין געקענט, האט ער צייט געקענט גיין אין שול דריי מאל א טאג.

ווען דער בית המדרש דארף א מנין, קען מען נישט מבטל זיין דער איד וואס זיצט און לערנט חושן משפט, אבער דער עלטערער איד וואס לערנט אביסל חק ביי די זייט, קען מען זאגן, "קום אריין, זאג אמן". אדער א איד וואס האט שוין געלערנט, רב יהודה, ער האט שוין געקענט די גאנצע תורה, דעמאלטס קען ער.

**עשרה בטלנים ווי א סימן פון א גרויסע שטאט**

איך טראכט אז די עשרה בטלנים זאגט יא, נישט נאר איז עס א דין אין די בית הכנסת, נאר ס'מאכט עס אויך פאר א גרויסע שטאט. שטעל מיר פאר אז א שטאט וואס האט געהאט א מספר מכובד פון מענטשן, האט יעדער איינער אריינגעצאלט פאר די קהילה, אז מ'האט געקענט באצאלן פאר אפאר בטלנים זאלן אנהאלטן די בית המדרש. סאו א פלאץ וואס ס'איז נישטא קיין... ווען מ'זאגט יענע שטאט האט נישט קיין כולל, נישט קיין גנאי נאר אז ס'איז נישטא קיין כולל. ס'מיינט אז ס'איז א קליינע שטאט וואס ס'איז נאך נישטא דארטן א ניד פאר א כולל, ס'איז נאך נישטא גענוג מענטשן.

יעדער איד ווייל דאך אין זיין שטאט זאל זיין א שול. כדי אפצוהאלטן די שול, דארף דאך זיין דארט א מנין. אבער וואו טרעפסטו א מנין? אה, ס'איז דא מענטשן וואס זיי קענען זיך ערלויבן, אדער מ'צאלט זיי, אדער ס'איז דא סתם אזוי אליינס. יא, זייער גוט.

**אינזיכט וועגן שול-פירונג**

איך מיין, ווער ס'האט עקספיריענס מיט א שול ווייסט אז אויב די מתפללים פילן אז די שול דארף צוקומען צו זיי, איז עס א פראבלעם. די שול דארף וויסן אז זיי האבן צען בטלנים, און ווער ס'קומט איז ווייל ער וויל אריינכאפן אביסל א דבר שבקדושה. מ'דארף נישט צוקומען צו דיר. ס'דארף זיין, ס'דארף זיין, דו דארפסט וויסן אז דיין געגנט איז שוין א דין עיר, ס'איז לכל הפחות נאך א כפר, ווייל ס'איז נישטא קיין עשרה בטלנים. מיר וועלן נישט אריינגיין אין די דיטיילס פון וועמען מ'רעדט.

**הלכה ח (המשך) — עיר שאין בה עשרה בני אדם**

**דער דין: תקנתו קלקלתו**

שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער, **אם אין בעיר עשרה בני אדם**, וואס טוט זיך אז די שטאט האט נישט קיין עשרה... ס'איז בכלל נישטא קיין צען מענטשן. צען מענטשן, אה. נישט נאר ס'איז נישטא קיין עשרה בטלנים, ס'איז נישטא קיין מנין בכלל. רייט, דעמאלטס איז תקנתו קלקלתו. דאס אז ער האט נישט קיין צען מענטשן, זיין קלקול, איך מיין אזוי דארף מען עס לערנען, אזוי ווי קלקלתו איז תקנתו.

איז היות אז ער האט נישט קיין צען מענטשן, נארמאלערהייט ווען א שטאט האט נישט קיין צען מענטשן איז איז ער האט באקומען די קולא אז מ'קען ליינען פון אחד עשר, מ'קען זיך ארומשפילן מיט די צייט. און דא וואלסטו ווען געטראכט אז היות ער האט נישט קיין צען מענטשן זאל ער אויך זיין אזוי ווי א כפר, אבער ניין, ווייל ער איז א שטאט וואס האט נישט קיין צען מענטשן, אבער קיין כפר איז ער דאך נישט. ער איז דאך א שטאט וואס האט נישט קיין צען מענטשן.

**פארוואס איז ער נישט קיין כפר?**

פארוואס? פארוואס איז ער נישט קיין כפר? ווייל ער איז א שטאט. ווייל ער גייט נישט אריין צו די שטאט לעבן דעם. ער איז אליין אין די שטאט. דארטן קומען אהין מענטשן פון די כפרים צו פארקויפן, אדער דארטן איז דא די בית הכנסת. ער איז נישט קיין כפר וואס איז תלוי אין די עיר. ווי ער גייט דארטן... ער האט אפילו נישט קיין צען מענטשן וואס איז קרומען אין א שול. ער האט קיינמאל נישט קיין מנין אין די יענע שטאט. ער האט נישט קיין שול.

**ווען ליינען די מענטשן אין די שטאט מגילה?**

יעצט איז די שאלה, ווען זאלן די מענטשן אין די שטאט ליינען מגילה? די אכט מענטשן וואס וואוינען יא אין די שטאט, ווען זאלן זיי ליינען די מגילה? לויט דער רמב"ם שטימט דאך זייער גוט, ווייל מען קען ליינען די מגילה אויך נישט מיט צען מענטשן, נאר בני כפרים קענען נישט ליינען ווען זיי האבן מנין. נאר בזמנה, ווען מען ליינט בזמנה דארף נישט זיין מנין. סאו די אכט מענטשן וועלן וויסן ווען זיי וועלן ליינען די מגילה.

זאג איך דיר אז ענק האבן נישט קיין נאמען פון א כפר און ער קען יעצט אפמאכן אז ענק גיין אין שטאט. ער קען נישט גיין צו אן אנדערע שטאט אין אן אנדערע טאג. רייט. פארוואס נישט? פארדעם האב איך נישט פארשטאנען, אז די ריזען פאר די פראבלעם דא איז ווייל זיי האבן נישט קיין מנין, ווייל מיט די משמעות אליינס א מנין קען גיין אין שטאט האבן א מנין, אין אן אנדערע שטאט.

דער תירוץ איז ניין, אבער אריין אין אנשי עיר גדולה, ווייניגער פון צען מענטשן האבן בכלל גארנישט. האבן די חכמים פאר זיי נישט מתקן געווען. די תקנה פאר די בני כפרים האט מען מתקן געווען פאר כפרים, נישט פאר אן עיר. און אן עיר איז עפעס נישט קלאר. **והיה עיר גדולה ואין קורין אלא בארבעה עשר.**

**דיסקוסיע: פארוואס דארף ער ליינען ביום י"ד?**

איך כאפ נאך אלץ נישט. אפשר זאל מען יא זאגן דעם פשט אז ס'איז נישטא קיין מנין? ממילא מוז ער ליינען ביי י"ד, ווייל נאר ביי י"ד איז מען יוצא אן א מנין.

דער ר"א פארשטייט טאקע נישט דעם דאך, רייט? וואס זאגט דער ר"א? נאר איך האב נישט פארשטאנען. **זה בירושלמי ואין לו טעם.** פארוואס? וואס איז שלעכט צו זיין ווייניגער ווי צען מענטשן? **ואולי מפני שאינו לא כפר ולא כלום**, ער איז נישט קיין כפר, ער איז נישט קיין עיר.

אזוי האט דער ר"א געטראכט, אזוי ווי איך האב געזאגט, אז כדי צו זיין אן עיר דארף עס זיין צען בטלנים, אדער נישט איז ער א כפר. ווייניגער צען מענטשן, לאמיר זאגן אזוי, צען מענטשן וואס זענען נישט קיין בטלנים איז א כפר, צען מענטשן וואס זענען יא בטלנים איז אן עיר. און וואס איז ווייניגער ווי צען מענטשן? גארנישט. ממילא איז ער נישט, ער מוז ליינען, גייט ער צוריק צו זיין אזוי ווי אן עיר גדולה. ער דארף ליינען דוקא ביום ארבעה עשר. נישט קלאר די הלכה דעמאלטס. דער ר"א האט עס נישט פארשטאנען. סאו וואס זאל איך טון אז דער ר"א האט עס נישט פארשטאנען מיט זיך פארשטיין?

**מפרשים'ס הסברות**

פון ווען דער ר"א האט עס נישט פארשטאנען, איז דורכגעגאנגען אפאר הונדערט יאר מיט אפאר טויזנט מפרשים, און מ'קען שוין זען וויאזוי מ'פארשטייט עס. זיי פארשטייען די שאלה. אדער זאגן אויף וואלט מען דארף א מנין, אבער לכאורה פריער האבן זיי נישט אויסגעקוקט אזוי. פריער האבן זיי געלערנט פריער, אז נאר די בני כפרים דארפן א מנין. אבער ווען א מענטש ליינט בזמנו... נאכאמאל, איר רעדט דאך יעצט בזמנו. אה, דאס וועט זיין טאקע, **ואין קורין אלא בארבעה עשר**, ווייל דעמאלטס דארף מען נישט קיין מנין. רייט, רייט, דאס ווילן די ירושלמי פארשער זאגן.

אה, דאס וועט זיין קאנסיסטענט מיט שיטת הרמב"ם. ס'שטימט אבער נישט, ווייל... דאס הייסט, מ'מוז צולייגן א חידוש אז די מנין מוז זיין פון די בני הכפר. מ'קען נישט צורופן נאך מענטשן זאלן צו די מנין, אדער צוזאמענעמען אפאר כפרים. קען מען צונעמען אפאר מענטשן, איז דאך זיכער גוט. אה, דעמאלטס וועלן זיי באקומען א דין כפר. אפשר טאקע, אבער אויב ליינען אן מנין, דאס איז וואס דער ר"א זאגט, **אם היו בני עיר שמונה**, די אכט מענטשן גייען זיך צוזאמקומען און ליינען מגילה. אבער די היתר איז נאר דא ביום... אבער דאס איז נישט קיין הלכה, דאס ווייסן מיר שוין פריער פון די גמרא דא אין בבלי.

יא, דאס איז פשט. זעט דא אויס אז עפעס, לכאורה מצד אחד איז תקנתו איז ער אן עיר, דאס איז לכאורה די טייטש, תקנתו איז דאך אן עיר, ער איז נישט קיין כפר. מצד שני, וויבאלד ער איז אן עיר, קען ער נישט נוצן די היתר פון כפרים ליינען פריער, הגם אז די צען מענטשן איז נישט קיין פראבלעם, ער קען טרעפן נאך צוויי מענטשן אדער גיין אין א שטאט, ער קען נישט וויבאלד ער איז אן עיר. מצד שני, ער האט נישט קיין צען בני אדם, אפילו נישט נאר עשרה בטלנים האט ער נישט, ער האט נישט קיין צען מענטשן אויך נישט. אפשר מיינט ער האט נישט קיין צען בטלנים, אפשר דאס מיינט עס. און ממילא, אין סטאק מוז ער טון אזוי ווי אן עיר גדולה.

**"א פורים'דיגע זאך"**

ס'איז א פאני זאך, ס'איז א פורים'דיגע זאך, אז די קלענסטע שטאט איז אויך אזוי ווי די גרויסע שטאט. יא, מ'דארף פארשטיין פונקטליך. ס'קען זיין אזוי ווי אז א כפר האבן אונז נישט קיין עקספעקטעישן אז ס'זאל זיין דארטן מנין. דארטן וואוינען פארמערס וואס זענען ביזי אויף די פעלד, און זענען מיר צופרידן דאס אז זיי קומען אריין צוויי מאל א וואך אין שטאט מיטהאלטן די דאווענען.

אבער א שטאט, ס'איז א מין אזא קנס אזא, א שטאט דארף יא האבן צען אידן. פארוואס טוט עס אזא באפענעס? ס'איז דאך א שטאט. מ'קען זיך טרעפן דא, קאפלס זאלן חתונה האבן דא, יא, בבאי אויף, ברענג מענטשן. כבר איז דאס די סדר אז אזוי קומט עס.

**הלכה ט — במה דברים אמורים: בזמן שיש להם מלכות**

דער רמב"ם ווייטער, **במה דברים אמורים**, די אלע הלכות וואס מיר האבן יעצט געלערנט, אז די חכמים האבן געמאכט א ספעציעל תקנה פאר די בני הקפרים זאלן אריינקומען פריער, ווייל די מענטשן פון די שטאט ווארטן אויף זיי, יום ספקו מים מזון, כאילו די אלע זאכן, **במה דברים אמורים קדומים ביום...**

**דער רמב"ם'ס הלכה: די תקנה פון בני כפרים גילט נאר בזמן המלכות**

פארוואס טוט ער אזא באטלען? ס'איז דאך א שטאט. מ'קען דאך טרעפן דא, נו, קאפלס זאלן חתונה האבן דא, יא, בוי אויף, ברענג מענטשן. ס'איז עפעס אזא... כבר איז דאס די סדר אז אזוי קומט עס. אהער, אקעי.

דער רמב"ם ווייטער, **במה דברים אמורים**, די אלע הלכות וואס מיר האבן יעצט געלערנט, אז די חכמים האבן געמאכט א ספעציעלע תקנה פאר די בני כפרים זאלן אריינקומען פריער, ווייל די מענטשן פון די שטאט ווארטן אויף זיי, **יום אספקת מים ומזון**, כאילו די אלע זאכן, **במה דברים אמורים? שמקדימין וקורין ביום הכניסה, בזמן שיש להם לישראל מלכות**, ווען די אידן האבן א מלכות. **אבל בזמן הזה** נאך די חורבן **אין קורין אותו אלא בזמנו, שיהיה יום ארבעה עשר ויום חמשה עשר.**

**דער רמב"ם זאגט נישט פארוואס — דאס איז א חידוש פון רמב"ם**

דער רמב"ם זאגט נישט פארוואס. דער רמב"ם זאגט נישט פארוואס. ער זאגט "שהיו". לעתיד לבוא ווען די אידן וועלן האבן א מלכות, וועט צוריק ווערן די הלכה. וואס איז פשט? ער זאגט נישט. אויב דער רמב"ם זאגט נישט, דארף איך עס זאגן?

שטייט אין די גמרא דאס? דאס האט חיים אויסגעטראכט. וואס איז די לשון הגמרא? די גמרא זאגט נישט "יש להם מלכות", אמת? ניין, די גמרא זאגט "בזמן הזה". דער רמב"ם האט פארשטאנען אז ס'האט צוטון מיט די מלכות. דאס איז א חידוש פון די רמב"ם. דאס הייסט, די גמרא שטייט סתם "בזמן הזה", און די גמרא איז משמע סתם ס'האט זיך עפעס געטוישט. ס'שטייט נישט קלאר וואס ס'האט זיך געטוישט, ס'איז דא פארשידענע פשטים וואס ס'האט זיך געטוישט. דער רמב"ם זאגט נישט, אבער דער רמב"ם האט יא א חידוש, אז דער רמב"ם האט פארשטאנען אז ס'איז תלוי אין די מלכות.

**פשטים פארוואס ס'איז תלוי אין מלכות**

**דער מאירי'ס פשט: מורא פון מנוחה על השולחנות**

ער ברענגט דא א תורה פון די מאירי, אזוי ווי חנוכה, אז מ'האט מורא פון די מנוחה על השולחנות. ווען די אידן זענען פראווען על אדמתם, קען מען פראווען א גאנצע וואך, ווייל מ'איז מקדים, פשט אז ס'וועט שוין ווערן פורים דעמאלטס. מ'וועט שוין אנקומען דעמאלטס די קאסטומס, מ'וועט שוין אנהייבן טרינקען די לחיים'ס דעמאלטס, הגם איז מען נישט יוצא, אבער ס'וועט שוין אנהייבן די מאכט. אה, זייער גוט.

**רש"י'ס פשט: די דרשנים און די שלוחים**

דער פשט פון רש"י איז אזוי, אז די פראבלעם איז, ווייל המרצים וועלן קוקן ווען ס'איז פורים, און זיי וועלן דערציילן אז אז פונקט דרייסיג טעג נאכדעם איז פסח. איז בזמן המלכות איז נישט געווען קיין פראבלעם, ווייל דער בית דין האט ארומגעשיקט שליחים מודיע זיין ווען איז פסח.

איך האב שוין געפרעגט א קשיא, בזמן התלמוד האט מען אויפגעשיקט שליחים. אבער בזמן הזה דארף מען מורא האבן. אבער מ'קען פארשטיין, דער חילוק צווישן מלכות און נישט מלכות איז אז ווען ס'איז דא מלכות, שיקט מען... ס'קען זיין בזמן ווען דו רעדסט פון די גמרא, איז אויך געווען עפעס א שטיקל מלכות. ס'איז געווען א שטיקל, ס'איז געווען א נשיא.

ניין, ניין, ניין. מלכות מלכות מלכות. רש"י זאגט נישט "מאין מלך". רש"י זאגט נישט דאס. רש"י וועט נישט האלטן אזוי. רש"י'ס פשט מוז זיין אז "מי זמן שנפסקו השלוחים".

**דער רב'ס פשט: עניים זאלן האבן אן "איזיער טיים"**

דער רב זאגט אן אנדערע פשט, אז ווייל היינט איז דא מער עניים, ווילן אונז אז אלע עניים זאלן קענען האבן אן "איזיער טיים" שאפן געלט אין די איין טאג, זיי זאלן נישט דארפן יעצט א גאנצע וואך ארומלויפן נאך געלט.

**נאך א סברא: ווען ס'איז דא מלכות זארגט מען זיך פאר אלע אידן**

ס'קען אויך זיין, איך טראכט אז ווען ס'איז דא א מלכות, דעמאלטס זארגן אונז זיך אז ס'זאל זיין גוט פאר אלע אידן. די בני הכפרים זאלן זיין מסודר, און מ'מאכט געזעצן אז ס'זאל שטימען פאר יעדן איינעם. אבער ווען ס'איז נישט דא קיין מלכות, זענען מיר אונז צעבראכענע אידן וואס טוען נאר די "בעיסיקס". ס'איז דא איין טאג וואס מ'מאכט פורים. ווייל די מגילה האט מען געווענדעט "בזמן שלא היה מלכות". כאפסט?

**דיסקוסיע: וואס איז "מלכות"?**

סאו וויאזוי ווערט דא מרדכי באקומען בית המן? ס'איז געווען א שטיקל מלכות. לויט מרדכי, זאגט ער, אביסל מלכות. אביסל מלכות מיינט בזמן בית המקדש ווען משיח איז דא.

דער רמב"ם זאגט קלאר, "ביי די ווער", ער ברענגט לשון הרמב"ם אין פירוש המשנה: **"בזמן שידינו תקיפה ויש בכוחנו לקיים את המצוות בשלימות, וזה לא יהיה מחיבור התלמוד עד שיבוא המשיח"**. דער רמב"ם זאגט קלאר אז ס'האט מיט משיח.

**חידוש: א נייע כוונה פארוואס משיח דארף קומען**

מ'דארף וויסן א נייע זאך, א נייע כוונה, פארוואס דארף משיח'ל קומען? כדי מ'זאל קענען מאכן די מגילה בי"א, בי"ב, בי"ג. ס'איז אן דעם עפעס א גרויסע ענין.

סאו נישט נאר "וימי הפורים לא יבטלו", נאר ס'גייט נאך צוקומען מערערע טעג פורים. איך מיין אז ס'איז שוין היינט צוגעקומען, אלע חדרים מאכט מען שוין י"א, י"ב "פארטיס". אקעי, מ'מאכט ח"י אייר, פורים שפיל פון רבי משה. ס'וואלט אסאך צוגעקומען, זייער אסאך ימים טובים, ס'וועט אוועקפאלן פון שיחה. "מועדים חדשים".

**דיגרעסיע: די גמרא'ס "אנקאמפארטעבילטי" מיט בני כפרים**

"עניוועיס", איך האב פריער גע'טענה'ט אז ס'קען זיין אז מ'זעט אין די גמרא א גאנצע צייט א געוויסע "אנקאמפארטעבילטי" מיט די הלכה פון די בני כפרים. די גמרא מוטשעט זיך וויאזוי זיי האבן געמעגט טוישן, ס'איז דאך "אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו". ס'קען זיין אז די חכמי התלמוד, די שפעטערדיגע תנאים, זענען פאר "סאם ריזען" נישט געווען "העפי" מיט די ענין פון בני כפרים, און זיי האבן געזוכט תירוצים פון מבטל צו זיין. ס'איז דא אלעמאל אזעלכע זאכן.

**מסקנא: בזמן הזה — נאר צוויי זמנים**

בזמן הזה איז וואס? איז בני כפרים ובני עיירות קורין בי"ד? אדער איז בני כפרים... כרכים בלייבט נאר איין חילוק צווישן קברים און עיירות. אין כרכים און עיירות. ס'איז שוין נישטא קיין זמניהם, ס'איז דא פלעין זמן הם. צוויי.

**הלכה י: בן עיר שהלך לכרך**

**דער רמב"ם'ס הלכה: גייט לויט דעתו לחזור**

שוין. זאגט דער רמב"ם ווייטער, **בן עיר שהלך לכרך**. יעצט גייט מען רעדן פון איינער איז געגאנגען פון איין פלאץ צום צווייטן, אזוי ווי אונז האבן

געהאט די ענליכע הלכות ביי פלעצער וואו ס'איז דא מנהגים, וואס ערב פסח אדער ביי תענית. **בן עיר שהלך לכרך, ובן כרך שהלך לעיר**, ווי טוט ער יעצט? לויט זיין מנהג, די שטאט פון וואו ער קומט, אדער וואו ער איז יעצט? **אם היתה דעתו לחזור למקומו בזמן הקריאה**, בעצם האט ער געוואלט צוריק אנקומען צו זיין שטאט, למשל ער איז איינער פון א מוקף חומה און זיין פלאן איז געווען צו זיין דארט אויף שושן פורים, ער איז געווארן אויפגעהאלטן, **קורא כמקומו. אם לא היתה דעתו לחזור אלא אחר זמן הקריאה**, דעמאלטס **קורא כאנשי המקום שהוא שם.**

**חידוש: א יוצא מן הכלל פון מקום שנהגו**

די הלכה איז א יוצא מן הכלל לכאורה, מ'רעדט וועגן דעם, די מפרשים, ס'איז א גרויסע יוצא מן הכלל פון דעם דין פון מקום שנהגו. געווענליך, מקום שנהגו מוז זיך פירן אויף לויט די פלאץ וואו ער איז. אבער געווענליך זאגט מען עס אויף אן איסור, למשל נישט טון קיין מלאכה, פאסטן מיט די עולם. יעדער איינער אין די שטאט, מיר ווייסן אז ער פעלט פון קריאת המגילה? יא, אלע אידן זענען ביי די מגילה און ער ליינט נישט ווייל ער גייט מארגן ליינען.

די תירוץ איז אז פורים האט מען אזא אהבת ישראל אז ס'שטערט נישט אז איין איד קומט נישט. מ'זאגט, יא, אוודאי איז א ירושלימ'ער, ער גייט מארגן ליינען.

**כרך וכל הסמוך לו וכל הנראה עמו**

ווי האלט איך? זאגט דער רמב"ם ווייטער, וואס טייטש אלס כרך? אויב ס'איז דא א שטאט וואס איז מוקף חומה, אבער נאכדעם האט מען צוגעבויט נאך און נאך צו די שטאט, ארום און ארום, וואס איז די גדר? זאגט דער רמב"ם, **כרך וכל הסמוך לו וכל הנראה עמו**, און אויך ביי ירושלים איז געווען די גדר, פארשידענע זאכן, אלעס וואס מ'זעט פון ירושלים. **אם אין ביניהם יותר על אלפים אמה, הרי זה ככרך**. אויב איז נישט ווי ס'איז דא א אלפים אמה, דאס איז א תחום שבת, וואס דאס איז שוין אינדרויסן מיט דעם, **הרי זה ככרך, וקורין בחמשה עשר.**

**הלכה יא: עיר שיש ספק אם היתה מוקפת חומה מימות יהושע בן נון**

**דער רמב"ם'ס הלכה: קורין בשני ימים**

זאגט דער רמב"ם, **עיר שיש ספק, ואין ידוע אם היתה מוקפת חומה מימות יהושע בן נון או אחר כך הוקפה**, מ'געדענקט נישט, ס'איז אן אלטע שטאט, קיינער געדענקט נישט ווי די אלטע איז. מימות יהושע בן נון איז שוין געווען א שטיק צייט צוריק, און מ'ווייסט נישט וואס דעמאלטס איז געווען. איז **קורין בשני ימים שהם ארבעה עשר וחמשה עשר, ובליליהם** ליינט מען צוויי מאל.

**חידוש: הגם ס'איז דרבנן, ליינט מען ביידע מאל**

זייער אינטערעסאנט, הגם ס'איז דאך נאר א דרבנן, און דא האט מען א ספק, אבער ווען ס'קומט ארבעה עשר ליינט מען אונז וועגן ספק, און נאכדעם ווען ס'קומט נאך חמשה עשר ליינט מען נאכאמאל וועגן ספק. ווייסטו די תירוץ פארוואס מ'מאכט ביידע מאל? ווייל פורים, ס'מאכט שוין צוויי טעג פורים, וואס רודפ'סטו? לויט מיין פשט איז ווייל קריאת המגילה איז דאך עניוועי א מצוה פון לערנען תורה, ס'קען שוין נישט שאטן. אבער נישט קיין תורה, אקעי. ניין, ווייל דו קענסט זאגן לערנען עפעס אנדערע תורה.

**פארוואס נישט גיין נאך רוב?**

אבער איך זע אנדערע ראשונים דא אויפ'ן פלאץ פרעגן אז פארוואס זאל מען נישט גיין נאך רוב שטעט וואס זענען נישט געווען מוקף חומה מימות יהושע בן נון וכדומה. אבער ס'זעט אויס ווי די חכמים האבן יא געוואלט מ'זאל מאכן מער פרסומי ניסא, מאכן מער פריילך.

**דיסקוסיע: פארוואס נאר איין ברכה?**

קען זיין אזוי ווי די רמב"ן ביי די ד' כוסות, ווייל אויב מ'וועט גיין מיט ספק דרבנן לקולא וועט מען קיינמאל נישט ליינען, רייט? ווייל היינט איז א ספק, און נישט פון די רמב"ן. קענסטו די רמב"ן פון די ד' כוסות? ס'שטייט אין די גמרא אז ס'איז דא א ספק צו מ'דארף מאכן הסיבה ביי די ערשטע צוויי אדער די צווייטע צוויי. זאגט די גמרא, דארף מען מאכן ביי ביידע. פרעגט דער רמב"ן, ס'איז דאך א ספק דרבנן, פארוואס זאל מען מאכן אזוי? זאגט ער, ווייל אויב מ'וועט גיין מיט ספק דרבנן וועט מען קיינמאל נישט מאכן הסיבה, ווייל יעדע מאל וועט זיין א ספק, וועט בלייבן א איד אן הסיבה. די זעלבע זאך דא. חוץ אויב דו זאגסט די תירוץ אז מ'זאל גיין נאך רוב, וואס איז עפעס א פאני תירוץ, וואס איז עפעס רוב? ווי איז דא רוב?

**דיסקוסיע: חיוב אויף גברא אדער אויף יום?**

אקעי, ס'איז דאך נישט פשט אז דער טאג ברענגט מיט זיך די חיוב. א מענטש האט אויף זיך א חיוב פון פראוועען די מצוה פון קריאת המגילה. ס'איז דאך אפילו מ'האט געקענט מאכן פאר בני כפרים אנדערע צייטן. דער חיוב איז אויף די מענטשן. סאו די ערשטע מאל, ביום ארבעה עשר, איז דאך אויך, דו קענסט זאגן אזוי, אז ביום ארבעה עשר איז די דיפאלט. יענע טאג איז יעדער איינער מחויב. נאר איז דא עפעס אן אנדערע דין פון מוקף חומה. סאו דו ווייסט נישט וואס איז מוקף חומה, איז נאר געקומען אויף דיר דער ערשטער חיוב, דער ארידזשינעל חיוב. דארפסט מחדש זיין די אלע חידושים.

**דער רמב"ם'ס שיטה: מברכין בארבעה עשר בלבד**

אקעי, דא זענען מיר טאקע נישט אזוי. אבער ס'איז יא דא, **מברכין על קריאתה**. די ברכה מאכט מען **בארבעה עשר בלבד, הואיל וזמן קריאת רוב העולם**. דער רמב"ם האט יא געהאלטן אז דער ערשטער טאג איז דער עיקר מצוה, און דער צווייטער טאג איז עפעס אזא חומרא. ביי די שטאט וואס איז א ספק, מאכט מען די ערשטע די עיקר, ער מאכט די ברכה.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **קורא את המגילה באדר**. ס'איז פאני, ווייל געווענליך אז ספקא דדינא למשל, מאכט מען ביידע די ברכה, רייט? וואס איז עפעס דא? מאכט מען נאר איין ברכה. אויב ס'איז אן אמת'דיגע ספק, וואלט מען געדארפט מאכן יעדע מאל מיט א ברכה, ווייל על הצד איז נעכטן נישט יוצא געווען.

דורך אגב, פארוואס זאגסטו אז ס'איז אזוי? ס'איז נישט אמת'דיגער בן כרך און ער ליינט בי"ד, און ער איז נישט יוצא, דארף ער איבערליינען מארגן. ס'איז נישט פשט אז ס'איז דא א חיוב אויף די גברא, ווען מ'קען קען מען יוצא זיין. ער דארף ציילן אין זיין צייט. מ'קען זאגן... די פלאץ זאגט אים וואו ער איז, וועלכע מין גברא ער איז.

**מסקנא: דער רמב"ם האלט אז מ'איז נאר מחויב איינס**

אקעי, לאמיר נישט אריינגיין צו מיט די לאנדעס. ס'איז פאני אז דער רמב"ם זאגט אים אז ס'זאל נאר מיין זעט אויס יא, אז דער רמב"ם האט אמת'דיג אנגענומען אז מ'איז נאר מחויב איינס, נאר די צווייטע איז לכבוד פורים.

**הלכה יב: קראו את המגילה באדר ואחר כך עיברו את השנה**

**דער רמב"ם'ס הלכה: חוזרין וקוראין באדר השני**

אקעי, זאגט דער רמב"ם ווייטער: **קראו שם מגילה באדר** — וואס טוט זיך אזא פאל? אונז האבן דאך געלערנט אז ס'איז דא אזא זאך ווי מאכן צוויי אדר'ס, עיבור יאר. וואס טוט זיך? מ'האט געליינט די מגילה באדר. ביז ראש חודש ניסן קען מען נאך מעבר זיין די יאר. דער בית דין גייט ארום און ער טשעקט צו מ'זאל מעבר זיין די יאר. וואס טוט זיך? מ'איז מעבר געווען די יאר שוין נאכדעם וואס מ'האט געפראוועט פורים. מ'האט שוין געליינט די מגילה, **ואחר כך עיברו בית דין את השנה**. איז וועלכע אדר איז דער עיקר אדר? זאגט דער רמב"ם, דער אמת'דיגער אדר איז דער צווייטער אדר. **חוזרין וקורין אותה באדר השני בזמנה.**

וואס טאקע? דעמאלטס האבן מיר געליינט, ס'איז געווען פורים. די גבורה האט א לימוד אויף דעם. עניוועיס. וואס, מ'זאל מסמיך זיין די גאולה לגאולה? כדומה. אקעי.

**חידוש: ס'קען זיין צוויי פורים'ס אין א יאר**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **אין קורין**... ס'קומט אויס אז ס'קען זיין צוויי פורים'ס אין א יאר. דאס איז די... איך מיין אז דאס איז די סוד. ס'דארף זיין

מערערע פורים'ס. צוויי יאר? צוויי עיבור יאר? צוויי פורים'ס. נא פראבלעם. ווייטער.

### הלכה יג: אין קורין את המגילה בשבת

#### דער רמב"ם'ס הלכה: גזירה שמא יטלנה בידו

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **אין קורין את המגילה בשבת**. שבת ליינט מען נישט קיין מגילה, הגם ס'איז נישטא קיין שום הלכה אדער וואס. ס'איז דא א גזירה, **גזירה שמא יטלנה בידו וילך אצל מי שהוא**, ער וועט גיין צו א תלמיד חכם וואס זאל אים העלפן עס ליינען, **אצל מי שהוא בקי לקרותה, ויעבירנה ארבע אמות ברשות הרבים**.

זאגט דער רמב"ם, פארוואס זאל מען טראכטן אזא זאך? פארוואס זאל מען חושש זיין אז מ'מוז גיין צו איינעם? פארוואס גייט ער דאס טון? ווייל **שהכל חייבין בקריאתה**, אלע אידן דארפן דאך ליינען די מגילה, **אבל אין הכל בקיאין בקריאתה**.

ממילא איז דא א חשש פון יעבירנה ארבע אמות, ער וועט עובר זיין אויף א דאורייתא.

### הלכה י"ג — ולפיכך אם חל זמן קריאתה בשבת

**ולפיכך, אם חל זמן קריאתה בשבת**, ווען מאכט מען פורים? זאגט דער רמב"ם, מ'מאכט עס נישט נאך שבת, נאר **מקדימין**. נאר ביי תעניתים האבן מיר עס געהאט אז מ'טוט נאכדעם, אין אנדערע פלעצער איז **מקדימין, וקורין אותה קודם השבת**.

זאגט דער רמב"ם, אבער יענע שבת ווען ס'איז חל פורים, און מ'ליינט נישט די מגילה וועגן שמא יעבירנה, איז נישט פשט אז ס'איז בכלל נישט פורים, נאר ס'איז יא בעצם עפעס אן ענין פון פורים. ממילא, **ושואלין ודורשין בהלכות פורים באותה שבת כדי להודיע שהיא פורים**. יענע שבת זאגט מען כאטשיג א פורים תורה, מ'זאגט כאטשיג א שואלין ודורשין בהלכות פורים, מ'רעדט הלכות פורים. יא.

### הלכה י"ד — כיצד: פרטי הדינים ווען י"ד אדער ט"ו חל בשבת

**כיצד?** דער רמב"ם איז מסביר אויך די כיצד, פעלט נישט אויס.

**אם חל יום ארבעה עשר להיות בשבת, בני העיירות מקדימין וקורין בערב שבת**, אזויווי מ'האט געלערנט די הלכה. **בני כרכים** איז דאך זונטאג זייערע רעגולער פורים, בלייבן זייערע רעגולער פורים, **קורין בזמנן אחר השבת**.

**חל יום חמשה עשר להיות בשבת**, איז פארקערט, דעמאלטס איז די שושן פורים איז שבת. די **בני כרכים מקדימין וקורין בערב שבת שהוא יום ארבעה עשר, ובני העיירות קורין בו ביום שהוא זמנם, ונמצאו הכל קורין בארבעה עשר**. אין אזא פאל האט יעדער איינער געליינט אין די זעלבע טאג. דאס איז די עיקר, אלע אידן ליינען די זעלבע טאג. יא.

Generated by Shiur Upload Automation